


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע היניזכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### די טענות פון אהרן און מרים? • דער געוואלדיגער גרויסקייט פון ענוה • משה רבינו איז זוכה צו זיינע גרויסע מדריגות אין זכות פון 'ענוה'

***וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה* (יב, ג):** דער הייליגער 'זרע שמשון' שטעלט זיך, ווי קומט דאס דא אריין צו זאגן אז משה רבינו איז א עניו? און פארוואס דארף די תורה באטיטלן משה רבינו אלץ 'דער גרעסטער עניו פון דער גאנצער וועלט'? ווי עס שטייט אין פסוק ***'עניו מאד מכל אדם אשר על פני האדמה'***. עס וואלט בלויז געקענט שטיין אין פסוק ***'והאיש משה עניו מאד'*** משה רבינו איז געווען א עניו.

**און** אויב איז דאס צוליב וואס ער האט געשוויגן און נישט צוריק געענטפערט פאר אהרן און מרים, דאס מאכט אים נאכנישט זיין דער גרעסטער עניו אויפן וועלט. דאס איז א זאך וואס יעדער עניו טוט, ווי עס שטייט אין גמרא (יומא כג.), שומעין חרפתן ואינן משיבין, (ער הערט זיין שאנדע און טוט דאס נישט אפווענדן).

**נאך** דארף מען פארשטיין - ווי אזוי האבן אהרן און מרים געהאט די קוראזש צו רעדן אנטקעגן משה רבינו און זאגן (יב, ב), ***'הרק אך במשה דיבר ה' הלא גם בנו דבר'***. משה רבינו איז אן קיין צווייפל געווען גרעסער פון זיי מיט פיל העכערע מדריגות, ער איז ארויף אין הימל פערציג טעג און נעכט און מקבל געווען די תורה פונעם שכינה הקדושה, וואס אהרן און מרים האבן נישט זוכה געווען דערצו.

**ערקלערט** דער 'זרע שמשון' - אהרן און מרים האבן געהאלטן - משה רבינו האט ווירקליך זוכה געווען צו גאר הויכע מדריגות מער פון זיי, אבער דאס איז נישט געווען צוליב זיין אייגענע זכות, דאס איז געווען צוליב דער זכות פון כלל ישראל וואס ער איז געווען זייער שליח, דעריבער האט ער זוכה געווען צו אזעלכע גרויסע מדריגה.

**אזוי** ווי מיר געפונען אין גמרא (ברכות לא.), ביים חטא העגל האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה רבינו - **כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל ועכשיו ישראל חטאו וכו'** - דאס גאנצע גרויסקייט וועלכע דו האסט דערגרייכט איז נאר געווען צוליב דער זכות פון כלל ישראל וכו'. מיט דעם האבן אהרן און מרים גע'טענה'ט, משה רבינו איז נישט אויף א העכערע מדריגה פון אונז אלע.

ממשיכים בלימוד
ספר תולדות שמשון
על מסכת אבות
ספרו הראשון של רבינו

תורמים לזרע שמשון
ורואים ישועות
02-80-80-500
347-496-5657
www.zerashimshon.co.il
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

**דערפאר** קומט די פסוק זאגן, משה רבינו האט ווארשיינליך יא זוכה געווען צו די אלע גרויסע מדריגות מיט זיין אייגענעם זכות! צוליב דעם וואס ער איז געווען ***'עניו מאד מכל אדם אשר על פני האדמה'***, משה רבינו איז געווען אויסגעצייכנט מיטן מדת הענוה, דעריבער האט משה רבינו געהאט דער זכיי' צו קענען זיין דער שליח און פארטרעטן כלל ישראל, און נאר איינער וואס איז א עניו קען זוכה זיין צו דעם.

**שטעלט** צו דער 'זרע שמשון' די ווערטער פון חז"ל (סוטה ה.), אויפן פסוק אין נביא (ישעיה נז, טו) ***'מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח'***. דער אויבערשטער רוהט צוזאמען מיט דער וואס האלט זיך קליין. **חד אמר אני את דכא** - איינער זאגט, דער אויבערשטער נידערט אראפ צו דער עניו. **וחד אמר אתי דכא** - איינער זאגט, דער אויבערשטער הייבט אויף דעם עניו צו זיך. און רש"י ערקלערט אויפן ארט, ***'אני מגביהו עד ששוכן אצלי'***. דער אויבערשטער הייבט אים אויף ביז ער קומט אן כביכול נעבן הקב"ה.

**לויט** דעם פארשטייט מען פארוואס משה רבינו האט זוכה געווען צו אזעלכע גרויסע מדריגות מער פון אלע אנדערע מענטשן אויפן וועלט, ער האט דאס זוכה געווען צוליב זיין אויסטערלישע גרויסע מדת ענוה וואס איז געווען 'יותר מכל אדם אשר על פני האדמה'. (זרע שמשון פרשתנו אות ו')

### מיט וואס איז דער עונש 'צרעת' מדה כנגד מדה? • אהרן און מרים האבן חושד געווען משה רבינו מיט גסות הרוח

***וְהֶעָנָן סָר מֵעַל הָאֹהֶל וְהִנֵּה מִרְיָם מְצֹרַעַת כַּשָּׁלֶג וַיִּפֶן אַהֲרֹן אֶל מִרְיָם וְהִנֵּה מְצֹרָעַת*** **(יב, י):** חז"ל זאגן אונז אין מסכת שבת (דף צז.), אויסער דעם וואס מרים איז באשטראפט געווארן מיט צרעת, איז אהרן גלייכצייטיג אויך באשטראפט געווארן מיט צרעת.

**דער** זרע שמשון טוט ערקלערן מיט זיין שטייגער וואס איז דער 'מדה כנגד מדה', פארוואס זענען אהרן און מרים באשטראפט געווארן דוקא מיט דער עונש פון 'צרעת'?

**זאגט** דער זרע שמשון, אהרן און מרים האבן פארדעכטיגט משה רבינו אז דער סיבה פארוואס ער האט דאס געטוהן (אפגעלאזט זיין פרוי), איז געווען צוליב 'גסות הרוח' (זיך גרויס האלטן). און אהרן און מרים האבן געזאגט, דער

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לעילוי נשמת |
| --- | --- | --- | --- |
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | דניאל אורי בן רג'ינה מלכה<br>להצלחה גדולה בלי גבול ומדה<br>וסייעתא דשמיא בכל אשר הוא פונה | מרדכי בן שיינדל<br>להצלחה וישועה גדולה בקרוב<br>מתוך אושר ושמחה | האשה החשובה<br>מרת גענענדל בת פסח<br>נלב"ע כ"ג אייר תשפ"ג ת.נ.צ.ב.ה. |

איבערשטער האט נישט נאר גערעדט צו משה, ער האט אויך גערעדט צו אונז וכו', ממילא איז משה רבינו נישט מער פון אונז.

**עס** שטייט אין גמרא (ערכין טז.), 'נגעים' (צרעת) קומט אויף מענטש וועגן גסות הרוח. דעריבער וויבאלד זיי האבן חושד געווען משה רבינו מיט 'גסות הרוח' וואס אויף דעם קומט נגעים, - צוליב דעם - מדה כנגד מדה זענען זיי באשטראפט געווארן מיט נגעים. (זרע שמשון פרשתנו אות ו' ד"ה והטעם)

## פארוואס האט משה רבינו געדארפט שרייען ווען ער האט געדאווענט? • דרך ארץ ווי אזוי א מענטש דארף בעטן • משה רבינו קומט אויסלערנען פאר כלל ישראל

***וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר קֵל נָא רְפָא נָא לָהּ*** (יב, יג): דער הייליגע 'זרע שמשון' שטעלט זיך פארוואס האט משה רבינו געשריגן ווען ער האט געדאווענט ווי עס שטייט אין פסוק, '**ויצעק משה אל ה**'. עס שטייט אין גמרא (ברכות כד:), **כל המרים קולו בתפילתו הרי זה מנביאי שקר** - דער וואס (העכערט זיין שטימע, און) שרייט ביים דאווענען איז פון די נביאי שקר (די נביאי הבעל פלעגן שרייען ביי זייערע תפילות - רש"י), אויב אזוי, ווי האט משה רבינו געקענט שרייען ווען ער האט געדאווענט צום באשעפער?

**מ'קען** דאס פארענטפערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (ספרי קה. והובא ברש"י), '**א-ל נא רפא נא לה**', פון דעם פסוק לערנט מען ארויס דרך ארץ, אויב איינער וויל עפעס בעטן פון זיין חבר זאל ער צום ערשט זאגן צוויי דריי דברי תחנונים און הערשט נאכדעם זאל ער בעטן זיין בקשה, וואס דאס איז דער זעלבער וועג ווי אזוי משה רבינו האט געבעטן צום באשעפער (צום ערשט האט ער געזאגט 'א-ל נא' און נאר נאכדעם האט ער געבעטן 'רפא נא לה').

**עס** ווערט גע'פסק'נט אין טור (או"ח סי' ק"א סעיף ב'), טראצדעם וואס מען טאר נישט דאווענען הויך אויפן קול, אויב טוט מען דאס אז מענטשן ארום זאלן זיך אפלערנען ווי אזוי צו דאווענען דאן איז מותר צו דאווענען אויפן קול.

**מיט** דעם פארענטפערט דער 'זרע שמשון', דערפאר האט משה רבינו געדאווענט הויך, וויבאלד משה רבינו האט געוואלט אויסלערנען כלל ישראל דרך ארץ, די וועג ווי אזוי מען דארף בעטן, מען זאל קודם צולייגן דברי תחנונים און נאר נאכדעם בעטן, אויף אזא אופן (צו אויסלערנען פאר אנדערע) איז ערלויבט צו דאווענען הויך אויפן קול (עיי"ש). (זרע שמשון פרשתנו אות ז')

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הר"ר ע. פ. הי"ו פון שטאט רעננה, ארץ ישראל:**

## דער שיעור האט צוראטעווט

**עס** איז געווען אינמיטן פון א סאמע הייסע זוממער'דיגע טאג, די הייסע זון האט געבאקן מיט איר פולסטע שטארקייט און מאכט, דער טעמפעראטור האט געוויזן אויף העכער הונדערט דעגרי, און קיינער האט זיך נישט געזוכט צו געפונען אינדרויסן פון שטוב פאר מינדערוויכטיגע סיבות.

**פונקט** יענעם טאג האט מיין פרוי געדארפט פארן צו ערלעדיגן עפעס אינדרויסן פון שטאט, און איך בין געגאנגען אפנעמען די קליינע קינדער פון חדר און שולע.

**אנקומענדיג** אהיים - זייענדיג זייער אפגעמוטשעט און מיד, פון א שמחה וואס איז פארגעקומען א נאכט פארדעם אינדרויסן פון שטאט - האב איך געקלערט זיך אראפצולייגן און כאפן א דרימל, צו שעפן פרישע כוחות אויף ווייטער.

**אינמיטן** האב איך זיך דערמאנט אז היינט נאכט קומט פאר די וועכענטליכע שיעור אינעם ספר הק' זרע שמשון, ווי איך האב די זכי' און זכות פארצולערנען די שיעור פאר א שיינע צאל אידן ביי אונז אין ביהמ"ד, און כדי די שיעור זאל ווערן גוט פארגעלערנט מיט א געשמאק און טעם, פאדערט זיך מען זאל זיך ריכטיג צוגרייטן מיט די מראה מקומות וואס רבינו ברענגט אינעם ספר.

**טראץ** די מידעקייט וואס האט מיר באפאלן, האב איך זיך געשטארקט און אריינגעזעצט אין ספרים צימער, אויפגעמאכט דער ספר זרע שמשון, און אנגעהויבן זיך צו צוגרייטן צום שיעור.

**נאך** א קורצע צייט פון לערנען, כאפ איך זיך אז עס איז עפעס עקסטער שטיל, ברוך ה' מיט א קינדער געבענטשטע פאמיליע, בין איך נישט געוואוינט צו א באזונדערע שטילקייט, און די שטילקייט איז מיר געווען אומגעוועונליך.

**אינמיטן** האט מיר געכאפט א ציטער אין אלע ביינער, אוי ווייי... מיין קליין צוויי יעריג טאכטער, האב איך בטעות איבערגעלאזט אין קאר, נישט קיין וואונדער עס איז אזוי שטיל...

**איך** בין אין איילעניש ארויסגעפלויגן פונדערהיים צום ריכטונג פון מיין קאר וואס איז געווען אויסגעלאשן און פארקירט אויף די זייט פונעם גאס, אונטער דעם ברענענדיגן זון.

**מיט** איין אטעם האב איך איר ארויסגענומען פונעם קאר, שפירנדיג ווי זי איז דורכגעווייקט פון שווייס און קאכעדיג הייס, אבער ב"ה זי אטעמ'ט נארמאל.

**מיין** הארץ האט פארפעלט א קלאפ, וואס עס וואלט חלילה וחס געקענט פאסירן ווען איך לייג זיך אראפ, און איך כאפ מיין געוואונטשענע דרימל, עס דערציטערט די הארץ נאר צו טראכטן וואס עס וואלט ח"ו געקענט פאסירן.

**דער** אויבערשטער האט געהאלטן זיין רעכט האנט, און די פחד'דיגע לעקציע איבער די פארזיכטיגקייט וואס מען מוז האבן ווען מען נעמט קינדער מיט די קאר, וועט מיר שוין בלייבן איינגעקריצט אויף מיין גאנצע לעבן.

**אבער** דעמאלטס איז מיר ארויפגעקומען די הייליגע ווערטער פונעם זרע שמשון אין זיין הבטחה: "ועיניכם תראינה בנים", און דאס זענען די ווערטער וואס זענען מיר בייגעשטאנען, בזכות די שיעור און זיכוי הרבים אינעם הייליגן ספר זרע שמשון, דאס איז געווען דער זכות וואס האט געראטעוועט פון א כמעט זיכערע אומגליק ח"ו, זי"ע.

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 בארה"ב: 347-496-5657
• אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון' •
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
זרע שמשון ע"ר 580624120
**וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**